# שֶׁעפְּקֶע

דער

## יאנציצער ארעם בחור אין אילון

איינע וואהרע בעגעבענהייט

**מאת א״מ״ד׳**

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ג לפ״ק

---

**ШЕПКЕ ДЕРЪ ЯНЦИЦЕРЪ ОРЕМЪ БОХУРЪ ИНЪ АІЕЛОНЪ**

т. е.

шепка Яициц кій спиботникъ въ Аіолонъ
повѣсть А. М. Дика

ВИЛЬНА
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.
1872.



דָאס דִיא זוּן אִיז פִּיל נוּצְלִיכֶער וַוייל זִיא אִיז פִּיל לִיכְטִיגֶער אַלְס דִיא לְבָנָה „הָאט אִים דֶער הִירְשֶׁעלֶע גִיעֶנְטְפֶערְט אֵיי דוּא בִּיסְט גָאר אַיין נַאר הָאט זִיךְ יֶענֶער אָפּ גֶערוּפֶען דוּא פֶערְשְׁטֵייסְט קֵיין אִינְטֶערֶעס · עֶס מֶעג זִיךְ דִיא זוּן צֶעהֶען מָאל לִיכְטִיגֶער אַלְס דֶער מָאנְד בְּלֵייבְּט זִיא זֵיין דָאךְ גַאנְץ אוּנְנוּצִיג פַאר דִיא וֶועלְט · דֶען זִיא שַׁיינְט דָאךְ נוּר בַּייא טָאג · אוּנ אוּנְזֶער גְמָרָא זָאגְט דָאךְ אַלֵיין (שרגא בטיהרא מאי מהני) אַיין אָנְגֶעצוּנְדֶעס לִיכְט בַּייא טָאג נוּצְט גָאר נִיט · דִיא לְבָנָה אָבֶּער לַייכְט דָאךְ בַּייא נַאכְט אוּנ אִיז דַאן אַיין וַואהְרֶעס לִיכְט אִין דִיא אוֹיגֶען :

לינקאוו, אילון אין ווילנע – נישט אלע דריי

די פּראָווינץ - ייִדן מאַכן אַ תל פון ווילנע

Дозволено цензурою 22 Февраля 1872 г. Вильна.

1.

בעפאר מיר וועלין צוא טרעטין צוא דער געשיכטע פון דעם יאנציצער ארעם בחור שעפקע · וועלין מיר איין עטוואס אונז בעשפרעכין בדרך כלל פון דיא ליידען וואש אונזערע איידעלע שטאט אילון ליידעט אויש פון אירע ארומיקע שטעטלעך וואש קינדלעך נור אויף איר רעכענונג · (וויא מיר וועלין אונז דא באלד דייטליכער דאריבער ערקלערען) · אונ פערדונקעלען אלזו איר אויש געלייטערטען הארואנט (הימעל) מיט איינער המארע פון אבסקוראנטע (פינסטערע) אידעען (דמיונות) אונ ווארצעלען איין דער צוא נאך אין איר איינע גרויסע ארעמקייט · וואש זיא וואלט דער פון גאר ניט געוואוסט ווען זיא וואלט געהאט צוא ערציהען נור אירע איינענע יוגענד (קינדער) · ווייל יעדעס קינד ווערט אין איר ערצויגען זייער גוט · הן אאינגעל אונ הן אמיידעל · מען לערענט זייא הן אחכמה הן אמלאכה אדער מען געוואוינט זייא צום מסחור אונ ווערען אלזוי נוציגע מענטשין דאש זיא קען זאגען מיט שטאלץ גאט זייא דאנק איך האב ניט אין מיר איינעם איינעם בעטלער · דיא טעג עסער אונ דיא איבער הייזער גייער זייען נור פרעמדע · אונ אלזו מיינע טייערע לעזערין טרעטין מיר צוא צור זאכע (דאדיעלע) :

דער קוקוק (קוקאפקע) איז איין זעלטענער פאגעל · ער לייגט איבער דעם זומער זייער פיל אייער · אלע אכט טאג איינע · אונ בריטעט קיינע איינציגע אליין פון זייא אויס *) דען ער לייגט

זייא

*) דיא וואהרע אורזאכע דער פון איז נור ווייל ער לייגט ניט אלע זיינע אייער אויף איין מאל וויא אלע אנדערע פייגעלעך · נור איינע אין איינער אכטאג · דאהער ווען דיא מוטער וואלט זיך זעצין

זייא אריין יעדע בעזונדער אין דעם נעסט פון איינעם אנדערין מין פייגעלעך וואש מען רופט זייא צונקאניגע · גראזמיקע · באכשטעלצע : דאך אבער מער ניט וויא צוא איינע · מען האט בעמערקט · דאש דיזע קליינע פייגעלעך זייען פולער פריידע אלס דער קוקוק קומט צוא זייערע נעסטין אום אריין צוא לייגען דארט זיינע אייער · זייא פליהען דאן ארויס פון זייא אום צוא מאכען דארט פלאץ פאר אים אום צוא לייגין זיך דארט · אונ שפרינגען דער ווײלע ארום זייערע נעסטין מיט גרויש שמחה ביז דער קוקוק האט שוין דארט מוליד געוועזן זיין איי אונ פליהעט זיך אוועק · דיזער פריינדליכער עמפפאנג (קבלת פנים) אבער איז זייא נאך ניט גענוג · ניין זייא זייען נאך ניט צוא פרידען דער מיט · זייא ווארפין נאך ארויס אייניגע אייער אייגענע פון זייערע נעסטען · דאמיט זייא זאלין קענען בעסער אונ געשווינטער אויש בריהען דיא אייער פון דעם קוקוק · אונ אלס דיזע איי בריטעט זיך אויס דאן ווארפט ארויש דער נייא געבארענער קוקוק · דיא איבעריגע אייער וואש געפינען זיך דארט אין נעסט · דאס הייסט דיא אייגענע אייער פון זיינע ערציהער וואש האבין זיך נאך ניט אויש געבריטעט · אדער אזו גאר דיא שוין אויש געבריטעטע פייגעליך זייערע · אונ אלס ער איז שוין אויס געוואקסין איין עטוואס אונ ווערט פיל גרעסער אלס זיינע קליינע פפלעגע עלטערין (ערציהער) וואש זייען שוין ניט אים שטאנדע אים אויש צוא גענערין · הייבט

ער

---

אויף דיא ערסטע איי וועט זיא זיך שוין ניט קענען פארין מיט דעם ער אום צוא האבין איינע צווייטע · וויל אין דער הענע צייט פארין זייא זיך ניט · אונ ווארטין ביז זיא וועט אויס לייגין אלע אייער וועט דער זומער דער ווײלע איבער לייפין · אונ דאן דארף ער שוין אויס וואנדערין אין דיא ווארעמע לענדער · דען זעלבסט אין אנהייב אב איז ער שוין איבער אלע בערגע · דאש הייסט ווייט פון דאנען :



ער אן צוא קוויטשען זייער שטארק · אונ דאן ברייננגען אים פילע אנדערע קליינע פייגעלעך פון אלערלייא סארטין שפייז דיא פילע אונ הילע · אונ ווערט אזו לאנג געשטיצט ביז ער ווערט אזו גרויס אונ שטארק · דאס ער איז אים שטאנדע זיך זעלבסט צוא גענערין · אונ דאן שטילט ער זיינעם ערסטין הונגער מיט דעם פלייש פון זיינע פפלעגע עלטערין · דען ער איז אליין אטורף · אונ פרעסט זייא אויף · אשיינעם בילד (משל) פון דער גרעסטען אונדאנקבארקייט :

צוא דיזעם קוקוק מיינע טייערע לעזערין · איז צו פערגלייכין דיא שלעפפערס אונ דיא ארעמע בהורים · וואש דיא ארומיקע אונ אזו אויך ווייטע שטעטליך שיקין אריין אין אונזערע איידעלע שטאט אילון אום צוא ערציהען אונ צוא גענערין זייא · נון הייסט עס פראסט געזאגט „געקינדעלט נאשצאט דרוגעוואהא" אדער בעסער צוא זאגען „דיא עלטערין ברייננגען זייא אליין אהער · עלטערין וואש זייען זעלבסט פון גאנץ גוטען שטאנד · זייא ברייננגען זייא אונ נעשטען זייא איין דא ביי אונזערע בעלי בתים · אונ מען נעמט זייא אויף גאנץ פריינדליך · אונ מען פערזעהעט צו ליב זייא אונזערע אייגענע יתומים אונ עלענדע קינדער · מען גענערט זייא · מען ערציהעט זייא גרויס · האבין דא חתונה מיט פערשלעפטע מיידלאך אונ ווערין דא מיט דער צייט בעלי אכסניות · סרסרים · אפ מאכערס · שדכנים · מלמדים · זאגערס · דער נאך אבצעסטווינע · אונ נעמען אוועק דיא פרנסה זעלבסט פון יענע וואש האבין זייא גינערט · אזעלכע קוקוקס אייער אבער לייגין אונז אריין אין אילון על פי רוב דיא קליין שטעטילדיקע · קליינהענדלער · אונ קאראבעלניקעס · אונ מאכין עס זייער געשיקט · יעדער פון דיזע קוקוקון האנדעלט איין זיינע וואארע דא אין אילון ניט איין ארט · אזו קויפט ער למשל שלעסלעך : ביי דעם ר' זלמן פישער מאן · פינגערהוטען אונ שפאנגעס · ביי דער ריקעלע דיא מורה הוראהטע · טאשעטקעס אונ קנעפלעך ביי

גיטעלע

גיטעלע די צדקת׳ אונ אום אונ אום׳ אבער אלץ בתנאי דאש מען זאל געבין זיין אינגיל וואש ער האט אים גיבראכט קיין אילון לערנען אטאג · אונ דער פאר וועלין זייא לייזין פון אים אלע מאל · אונ ווייל יעדערער וויל דאך לייזין אונ דער בייא שטעקט מען שוין בייא אים מיט עטליכע גילדין · נון ווילט זיך ניט מיט אזעלכין בייז מאכין זאגט מען עס אים צוא · אונ באלד דארויף פירט דער פאטער אריין זיין אינגיל צוא יעדען בעשטעלטין באלעבאם אין שטוב · ער לאזט אים דארט אונ פערגעסט זיך אן אים אויף אימער אונ אייביג אונ צוא ליב אים פערגעסט ער זיך אויך אן דעם וואש עש קומט פון אים אין אלע דיזע הייזער · אונ אלס עש האדעוועט זיך אונטער בייא אים נאך אבייבאקיל · הייבט ער אן צוא האנדלען מיט אנדערע אגולניקעס אום צו בעשטעלין טעג בייא זייא פאר דעם צווייטין אונ אזו ווייטער · אונ האט זייא דער מיט ווירקליך פאר זארגט · דען וויא אמת קערט זיך ניט אום פון בית עולם אזו קערין זייא זיך שוין ניט אום אין זייערע שטעטליך · וויא זייא האדעווען זיך אונטער מאכין זייא די פרומע ווייבער התונה · אונ מאכין אן דורך דעם גאנצע זאוואדין פון ארעמע לייט · דאש רוב ווערין מלמדים זאגער אין די קלייזלאך · דען קלייזלאך זייען דא גינוג אין אילון · אין יעדער אכסניא אקלייזיל · אונ אין וועלכין הויף איז דאש ניט דא איינע אכסניא · עש זייען דא אויך צוא צווייא צוא דרייא צוא פיר · ווייל עס איז ניט דא איינע קליין שטעטיל אונ אזו אויך אגרויסע שטאט אין דער רונדונג פון צוואנציג מייל ארום אילון וואש זאלין זיך ניט פון איר איין נעסטין דא צוא צווייא צוא דרייא שלעפארעם · אונ ווערין בעלי אכסניות · אונ פאר נעמען אלזו מיט זייערע שמוציגע שטאנציעס מעהר אלס איינע דריטעל שטאט · דאש אונזערע היגע גיבארענע האבין שוין כמעט ניט וואו צוא וואונען איבער זייא :

יעדע שטאנציע באזונדער איז דער צענטרום (מיטעלפונקט) פון יענע שטעטיל פון וואנען דער בעל אכסניא איז אליין · אונ זיא





ווערט אן גירופין אויף דעם נאמען פון וועלכער שטעטיל ער איז · אזו למשל הייסט דיא אכסניא פון דעם ר׳ ראובן וואש אי פון יאנציק · יאנציצער אכסניא · אונ אזו אויך למשל ווען דוא מיינע לעזערין וועסט באגעגענען אין איינער אילונער גאס איאנציצערין אידיל · זאלסט דוא ניט מיינען דאס נור ער איינער איז דא פון יאנציק׳ ניין מיינע טייערע לעזערין אזו וויא דוא שליסט פון איינער וואנץ וואש דוא טרעפסט אן אויף דיינער בעט דעקע (קאלדרע) דאש עס מוז זיין אין בעט אגאנצע גנאזדע וואנצען · אזו זיינן דא צו אים דארט אין יאנציצער אכסניא נאך אהונדערט פערזון · קום נור אריין דארט הין אויף איילע דוא וועסט זעהען דארט יאנציק אין גאנצין · דוא וועסט דארט געפינען אקארסט גיבראכטע ארעמע בחורים · מוידען · שדכנים · קאנדידאטען אויף מלמדות · פיל צלענעם פון זייער אבציסטווא · דעם איזבארסציק · מאנכע מאל דעם רב זעלבסט · אויך זייער אפט דיא קלעזמער זייערע · איבער הויפט איז דארט פאק אונ פול פאר פסח · דאך ניט חלילה אום עטוואס איין צוא קויפין · ניין אום נור קמח פסח צוא באקומען פון צדקה גדולה · אדער גלאט עס אויש צוא בעטלען פון וועמען · דען ווער האט עס ניט אקרוב אין (ווילנא) · אבאקאנטין · עס איז ניט צוא באשרייבין דעם שמוץ וואש דארט איז · דעם לארעם · דיא איינגעשאפט · דעם איבעלען גרוך · עס איז דארט אגאנצע וועלט אין מינעטור (אין קליינעם פארמאט) דען עס ווערט דארט דער ווייליע געסאהערט · געביטען · געמעקלערט · געצאנקט געדינתורהט אפגימאכט · שידוכים געשלאסין · חתנים פערהערט · געזעגענט אונ געוויינט · עס שיידען זיך דארט קינדער פון עלטערין · וואש שטעלין זיך אפ אויף אימער אונ אייביג אום צוא עסין טעג אדער אום אין דיא הייזער צוא גיין · מעהר פאר אלץ ווערט דארט גידאבינט · גילערינט · דען אין יעדער אכסניא איז דא אמנין · אדער גאר אקלייזיל · אונ אפטער נאך אישיבה מיט אזאגער דער צוא ·

ווייל יעדער בעל אכסניא שפילט איינע ראבאנישע ראלע · אונ האט בעסערע מאנע אלם איין שטאט רב :

עם איז זייער קאמים (לעכערליך) צוא זעהען דארט וויא עם קומען אן אהין דיזע טראנספארטין · דיזע אונגעבעטענע געסטע קומען ניט צו פארין אין פאיעטאנע (פולקארעטקעם) · ניט אין בראדער בוידען · זעלבסט ניט מיט אומישנע פורען · חלילה זייא קומען נור אלם איין בייא זאך זיצענדיק אויף אוואגין אייער · אויף אוואגין ציבעלע · קעלבער · זוימען · האבער · הינער · אונ אינדיקעם · אונ מיט אזעלכע בעלאדענע פורלעך האט מען פערשלעפט קיין אילון דעם יעקעלע גאלד שלעגער · ר' שמעיה אליטער · דעם גוט יום טוב ביטער · אונ אזו אויך אונזערין איצטיגין העלדין דעם שעפקען יאנציצער ארום בחור וואש האט זיך אין איר דער דינט דעם נאמען ר' שעפטיל · דען אין ליבאווע דער דינט מען זיך זייער גיך אונ באלד :

## 2.

## דער יאנציצער ארום בחור

מיט איאר דרייסיג צוריק האט גיוואוינט אין יאנציץ איינע היפשע שטעטיל אין דער גובערנע פון אילון · איין געווישער איצעלע האנקרייא וואש ער ווער דארט איין איזבארסציק כמה וכמה יארען · אונ ווער אלזו דער גאנצער מאכער פון דער דארטיגין אבציסטווא · דען ער האט געשפראכין גאנץ גוט רוסיש · אונ האט נאך גיהאט דער צוא אשטיקיל פען אין האנד · אונ פלעגט זייער גוט · דורך צוא קומען מיט נאציילסטווא · ער פלעגט איין צוא קאכירין פאדאטקעם נאך מער אלם מען באדארף · דען ער פלעגט אויף צוא זוכין יעדען יאנציצער נכתב פון קרייא סועט · אונ פלעגט אים אראפ ציהען דיא הויט גאר אן רחמנות · אונ פלעגט איין צוא צאלין יעדער ראטע אין קאזאנע פאלאט צום געהעריגי טערמין · אזו אויך פלעגט ער צוא פאטערין יעדען

נאבאר



נאבאר גאנץ בעצייטען גאר אן לארעם · פלעגט צו פערטארגיווען דיא קאראפקע אין קאזאנע פאלאט פאר פיל וויינגער אלם מען איז מושה גיווארין מיט דעם הוכר אין דער היים דאמיט עם זאל בלייבין דער פון אויף קהלשע הוצאות · אונ קיינער האט זיך ניט גיוואונט עם אונטער צוא זאגין · דען מען האט גרויש פחד פאר אים · ווייל יעדער איז גילעגין אין זיינער האנט מיט זיינע קינדער אונ אזו אויך מיט זיינעם פארמעגין · דען וועמען ער האט נור גיוואלט האט ער אפ גיגעבין פאר ארעקרוט · אונ אויף וועמען ; ער האט נור ארויף גילייגט זיין אויג האט ער אים אויף גיגעסין וויא איאנדע · דען ער האט שוין באלד אויף גיזוכט אויף אים חטאים · יענער האט גימעגט זיין רייך אדער ארעם · יודע אדער קריסט · האט אים דענונצירט (פאר מאסערט) אונ האט אים אויש גיהאט באלד אונ גיך אדער ער האט גינומען אין לייב אריין · דען ער וואר אגרויסער לאפעסניק · אונ וואש איז שוין צוא ריידין ככה איין אבצעסטווען גראסין וואש ער האט עם גאר גירעכינט פאר איין איינגענעם קאפעטאל · דען ווער האט זיך גיוואונט צוא נעמען בייא אים רעכענונג · עם וואר אשטאט נור מיט קלויזניקעם וואש האבין ניט אווארט רוסיש גיקאנט · אונ האבין פחד גיהאט פאר אנאצייילניק וויא פאר דעם מלאך דומה וואש פרעגט באלד וויא מען הייסט · אונ האט זייא גיקענט אלזו אלעמען פאר קויפין פאר אזאק ציבעלע · נון פאר שטייט זיך דאש זיין שטוב וואר דער צענטרום (מרכז) פון דער גאנצער שטאט · דען לבד דיא אבציסטווינע זאכין וואש זייען דארט פר האנדעלט גיווארין · ווער דארט זייער פיל פריוואטנע ענינים (יהידעשע) אפגימאכט · דען נור אים האט מען גימוזט פאלגין · אונ דורך זיין האנט זייען גינאננען אלע שהדים · דער קלוצוואוט אונ דעם אסעסערס שרייבער ווארין דארט וויא הויזלייטע · דער אסעסער אליין ווער בייא אים אלע פרייטיג צוא נאכט מיט דער ווייב אויף פיש · אויך ווער דארט אין מיטין וואך כמה מאל גוטע

פרישטאקין

פרישטאקין (זאווטראקעס) · קורץ דער פון עס וואר דארט איינע
וואהרע פריסומסטווא · געריכטעט אונ ענטשידען (גערעסעט)
איבער גוט אונ בלוט · אויף דיזעם מישטקאסטין פון דער
גרעסטין פאר דארבענהייט אונ פאר ווארפענהייט האט זיך
ערצויגין אונ אויש גיוואקסין וויא אגיפטיגע שוועמיל אויף איינעם
שמוציגין ארט אונזער העלד פון אונזער געשיכטע *) אונ דאש
איז דער שעפקע· איין זון פון דיזעם איצעלע האנקרייא · גינוג
אורזאכע דאש אזו איינער זאל זיין איין פאר דארבענעם וועזען·
דער צוא נאך האט ער גיהאט צום אונגליק דער מענשהייט איין
זייער גוטין קאפ · ער האט אלס ער וואר אלט איאר זעכצין
גיקענט זייער שיין לערנען · האט גיהאט אשיינע האנד שריפט
אין רוסיש · אונ האט איין עטוואס אויך פאר שטאנען ארוסישין
בוך· דען עס האט אים אונטערריכטעט אין דעם דער שרייבער פון
דעם אסעסער · אונ דער פאטער האט אלזו געמיינט צוא מאכין
אבמקום פון אים · נון האט אבער גאט גימאכט אשטריך אין
זיינעם רעכענונג · עס איז ביא דעם איצעלען אבגעשטארבין זיינע
פרויא אלס דער שעפקע וואר אלט זעכצין יאר אונ האט אים איבער
גילאזין נאך פינף קליינע קינדער דער צוא · אונ וויא אויך ער
וואר אפילו זייער בויקע (מוטהיג) וואר ער אפחדן וויא אלע
שלימעזאלנע אידלעך · וואש האבין פחד צוא שלאפין אנאכט
אליין · אונ האט דאהער באלד נאך שלשים גינומען אווייב · אונ האט
אלזו אום צוא מאכין דיא נעזינטיל וואש איז צוא גרויש אין דיא
אויגין פון דער נייע ווייב קלענער · אוועק גישיקט אים אדער בעסער
צוא זאגין אפגישיקט קיין אילן מיט אבריף צוא דעם שמש פון
קצבישען

---

*) דיא פערזון פון וועלכער עס ווערט דער ציילט איינע
ערציילונג · ווערט זיא אנגערופען „דער העלד פון דיזער
געשיכטע" · אזו ווערט אן גערופין יוסף אין דיא ערציילונג פון
מכירת יוסף „דער העלד פון דיזער געשיכטע" :



קצבישען קלויז וואש איז זיינער אנכתב · נון פאר שטייט זיך
דאש קיינע רעקאמענדאציען אין דער וועלט האט אזו פיל אויס
געווירקט וויא דעם איצעלע האנקרייאס ביא דיזעם שמש · ער
האט אים באלד אריין גינומען צוא זיך אין קלויז · האט בעשטעלט
דיא בעסטע טעג · דיא בעסטע שבתים · ער האט אים נאך
פאר שאפט <שווערכשטאטנע טעג> דאש הייסט מער טעג אלס
עס זייען דא אין דער וואך · אונ דער שעפקע איז גיווארין דיק
אונ שיין וויא אקאלב וואש זייגט צוויא קיא · אדער בעסער צוא
זאגין וויא אקעכין וואש שמירט זיך ארום אפעטין טאפ · דער צוא
נאך האט ער זיך גאר ניט אזו שטארק גיקלעמט וועגין לערנען ·
ער פלעגט נור אפ צוא היטען צוא שרייען דעם שקארבאווען
גמרא ניגון איבער דיא מסכתא סנהדרין אין מארגענס אונ
אוונדס אלס דער עולם קומט צוא זאמען · אונ ווייטער האט ער
צוא בראכט דעם טאג אין שמועשין מיט דיא אנדערע ארעמע
בחורים · אין לויזען זיך · אין שלאפין אונ אין עסען · אונ גיין
צוא זיינע בעלי בתים · אונ היינט וויא מאכט זיך ניט אלע וואך
אשמחה ביא איינעם פון זיינע געסט פריינדע (מכניסי אורחים) ·
ביא דעם אחתונה · ביא דעם אברית · אוואכנאכט · דער צוא
נאך אמתפלל זיין אויף אחולה · איין לויה נאך איין ערליכין אידין ·
לבד דעם האט ער נאך גידארפט איבער זעהען דיא קריאה · דען
ער וואר אקורא · אין אפאר קלייזלעך · קורץ דער פון ער וואר
אזו ווייט בעשעפטיגט· דאס עס איז אים אויס גיקומען קוים אפאר
שטונדען צייט אין טאג צוא לערנען · אונ וואר אלזו אין דיזער
זאכע ניט שלימער אלס דיא איבעריגע ארומע בחורים וואש זייא
ווארען אויך קיינע גרעסערע מתמידים אלס ער · אויך האט ער
ניט גימאכט קיין אויש נאם פון זייא אין זיינע יראת שמים · דען
אזו וויא אלע ארמע בחורים אזו ער אויך : האט אן גיהייבין צוא
לייגין תפילין אין דער פריא צום דאבנען ערסט אלס דער עולם
האט זיך שוין גישטעלט שמונה עשרה · דאש הייסט וויא איינע
מענטשין

KEPT BUSY AT RELIGIOUS FUNCTIONS

מענטשין אויף אשמה דאש זייא וואשין זיך צום עסין ערסט אלס מען האלט שוין ביא דעם בענצין אונ דאך וואר ער אין קלויז פיל תקיפער אלס אלע איבעריגע ארומע בחורים · ערסטענס ווייל דער שמש וואש איז גילעגין ביא זיינעם פאטער אין דיא לאפעס וויא אקליין פייגעלע אין דיא הענט פון אווילדען אינגעל וואש מיט איינעם קליינעם דריק קען ער איר אויש קוועטשין דיא נשמה · האט פאר אים גיהאלטין שטאל אונ אייזין · צווייטענס ווייל ער האט אין זיך גיהאט זאל אים זיין צוא לאנגע יאר גאר דיא מעלות פון זיינעם פאטער · דאש ער פלעגט איין צוא מאסערין דיא אנדערע ארומע בחורים אלע טאג מיט איינער אנדערע מסירה · דאש עסין זייא אן גיוואשין · דאש קוקען זייא דורך דיא שפארערס פון דיא ווייבערשע קאמפאיילנעס · אונ דאש הרגענען זייא פלייא אום שבת וואש דאש איז אזוי אזינד גלייך וויא מען וואלט גיהארגעט איינעם קעמל · נאך מער דאש זיי ווארטין ניט אפ זעקס שטונדען נאך ווארעמעס אונ עסין מילכיגס · אונ איין קצבישער ווארעמעס איז געוויש איין פליישיגער · נון ווארען שוין פיל מער אלס איינער פון זייא אנגעפאצט אונ ארויס געטריבין :

נון פאר שטייט זיך דאש אונזער שעפקע האט באקומען דער פאר גרויסע שונאים אונטער דיא ארעמע בחורים · אונ האבין אן גיהייבין צוא זוכין עוונות אויף אים · אונ אלס מען זוכט געפינט מען אויך אויף דעם פרימסטין · אונ בפרט אויף אזוי איינעם וויא אונזער שעפקע וואר · ערסטינס האבין זייא דער וויסט ביא אים אפסולה ציצה · צווייטינס האבין זייא אים גיפרעגט וויא פיל טעג מען האט אין ספירה אונ ער האט ניט גיוואוסט · דריטענס וואש דאש וואר איינע אונפערצייהליכע זינדע · דאש זייא האבין אין זיינער קעסטיל גיפונען רוסישע ביכלעך · וואש ער האלט זייא ביא נאכט אויף דער גמרא אלס דער עולם גייט זיך פון איינאנדער אונ לערינט פון זייא מיט דעם שקארבאוין גמרא ניגון׳ זייא האבין עס באלד דער טראגין

דעם



דעם ראש הישיבה · האט ער עס אפ גישפירט אונ האט אים דער האפט דער ביא · עס האט גימאכט אין קלויז אגרויסין לארעם איבער דעם · מען האט אים גיוואלט אן טאן כל הפסקים דער פאר · נור דער שמש האט זייא אפ גיהאלטין דער פון · ער האט זייא קלאר גימאכט ווער זיין פאטער איז · דאש שוין מער אלס איינער איז גיווארין אונגליקליך דורך אים · אונ דאהער האבין זיך דיא נבאים געלאזט בעגענוגענען מיט דעם וואש זייא האבין אים אויף דער שטעלע אדיילעט פון זייער קלויז :

## 3.

### שעפקע אין דער שטוב פון דעם ר׳ יודעל זאקאניק

anonymity of the city permits deviance

עיר גדולה לאלהים עיר אילון) די שטאט אילון איז זייער גרויס אונ זייער שטארק בעפעלקערט · אירע איינוואונער זייען גרויסע מרידים אין פרנסה · איינער ווייס ניט פון דעם אנדערין · דאש זעלבסט דיא איינוואונער פון איינעם הויף קענען זיך ניט מיט איינאנדער · אונ דאש דער זעלביגער יונגער מאן וואש מען האט אים דער האפט אין איינער גאס ביא איינער אשת איש · ווערט זיך אמלמד אזאגער אין דער צווייטע גאס אונ שפילט זיך אויס איינע הייליגע ראלע · אונ איינע פרויא וואש וואר פאר איארין איינע פריירענמעדכען שפינט זיא גאר ציצית אין דעם אנדערין יאר · אונ ווער רעט שוין פון אזוי אקליינעקייט · דאש הייסט פון דעם שעפקעס פאר ברעכין · ער וואר איין נרדף · איין ארויס געטריבענער נור ביז דעם אנדערין טויער · האט אן גיהייבין צוא שפילין דיא ראלע פון איינעם ערסט אן גיקומען ביא דעם דריטין טויער · ער האט זיין קעסטעלע אוועק גישטעלט אין אבעקאנטין שיינקיל וואו ער פלעגט צוא קויפין שטיקלעך רעציסניק · אונ אליין איז ער אוועק אויף דעם שול הויף אום צוא בעקומען איין ארט וואו שבת צוא זיין · דען עס וואר דאן פרייטיג · אונ דער צוא פאר ליכט בענצין שוין. עס וואר שוין דאן אלע פרעטין צוא

טיירט

טיילט · אונ דיא צדקה שטיבל צוא גימאכט · דאהער האט
ער זיך גימוזט ווענדין צוא דעם „אויף שבת נעמען אויש רופער״ ·
דאש איז אזו אאיד אין אונזער שטאט אילון וואש שטייט פרייטיג
פאר נאכט אויף דעם שול הויף · דאש הייסט פאר קבלת שבת ·
אינ אזו אויך ערב יום טוב פאר מעריב · אונ ארום אים שטייט
אנאנצע רעדיל פון ארומע בחורים אונ אינגלעך · אונ שרייעט
זיך אוועק ביז דער עולם גייט שוין צוריק פון שול מיט קולי
קולות „ווער וויל אמצוה פאר דינען זאל נעמען אויף שבת · אויף
יום טוב איין ארעם קינד צוא זיין טיש״! אונ הערט ניט אויף
צוא שרייען ביז ער גיט אויש ביז איינעם:

ער טוט עס אבער ניט אומזיסט · דען יעדער ארעם בהו
שיינקט דער פאר דרייא פיר קאפייקען · אונ מאכט אלזו דער פ
בערך אהאלבין קערביל· לבד וואש ער שטייט דער פאר ביי
דעם עולם אין איינעם העכסט הייליגין גרוך · אויך באקומט ע
דארום. הספקה פון צדקה גדולה · וואש איז פאר בונדין צוא זאמע
מיט חברה קדישא · אונ וואש זייען דער ביי מקיים דעם פסוק
„שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו״ דאש הייסט
קיין טובה גייט ניט פאר לארין · דען מיט דער צייט נעמט מע
עס אפ מיט פאר דינסט · דען וויא אזו אמענצעלע גיט ז
אשמארב ווערט אגרויסע לויה · מען נעמט פאר זיין העמד גא
דיא געלט · דיא הלבשה זיינע ווערט זייער הויך פארליצעטירט ·
היינט שטייגין זייער הויך אלע ערטער וואש זייען ארום דען ער
הערט אקדוש:

קורץ דער פון דיזער „אויף שבת נעמען אויש רופער״ הא
ארייןגעשלעפט אונזערין שעפקען צוא איינעם געוויסין רוסישע
שרייבער וואש מען האט אים גערופין ר׳ יודיל זאקאניק · וואש
וואר איין ערליכער מאן אונ אשיינער איד · ער וואר אויך א
געשווארענער מעתיק געברויכט צוא כמה וכמה שלעצטוועס · אינ
וואר אין גרויס אכטונג הן ביי אידין אינ הן ביי קריסטין · אונ





דער שעפקע האט גישפילט דארט דיא ראלע ביי דעם טיש
וויא איינער וואש איז אקארסט אן גיקומען קיין אילון · דאש
הייסט וויא איין עכטער פריץ · אונ האט זיך אלזו איין געבעטין
נאך דעם עסין דאש מען זאל אים לאזין נעכטיגין ווייל ער איז
דא נאר ווילד פרעמד · אונ האט נאך קיין פוס ארייו גישטעקט
אין קיין קלויז · אויף מארגין צוא קידוש ווער דער טיש זייער שיין
גידעקט · אונ איינגע גוטע פריינט אונ באקאנטע זייען גיקומען
צוא פריסטיק · נון ווער גישפראכין ביי דעם טיש פון פאר
שיידענע שטאט נייעקייט · איבער הויפט האט מען זיך אונטער
האלטען דארט איבער דעם ענין פון שולען וואש דיא רעגירונג
וויל מאכין אין דיא אידעשע שטעט · דאש הייסט שקאלעס · אונ
דאש עס האלט שוין דער ביי דאש דיזער רצון פון דער רעגירונג
זאל אין קורצען ארייןאוודייסטווא „אונ דאש פרייט מיך זייער״
האט זיך דער ר׳ יודעל אפ גערופין „איך האב עס שוין גיוואונצין
פון לאנג אן · נון גאט זייא דאנק דאש איך וועל עס באלד
ערלעבין צוא זעהען · דאש איז דער גרעסטער טובת הכלל · דען
נור דורך דיזען מיטיל אליין קען דער אידעשער כלל גיהאלפין
ווערין הן אין מצב (שטאנד) הגשמי אונ הן אין מצב הרוחני · מען
וועט זיך אייניגער מאסין אויש בילדען וועט מען בעסער פאר
שטיין דעם מסחר צוא פירין · מען וועט זיך נעמען צוא קונסט ·
צוא פאבריקען · צוא חכמות וואש גענערין דעם מענטשען בדרך
כבוד · אויך וועט מען זיך שענער אונ גערעגעלטער (פאראדנער)
אויף פיהרען · אונ מען וועט שוין ניט זיין אזו בזוי ומבוזה ביי
דיא קריסטין וויא איצונד · דאש מיר זעהען אויש ביי זייא ניט
בעסער אלס ציגיינער · דען אין דיא געאגראפעם וואש ווערט
אן זייא געציילט וויא גרויש עס איז דיא בעפעלקערונג פון יעדער
נאציאן · שטייען מיר אידין מיט דיא ציגיינער אונטער איינעם
רובריק (ליניע) · אונ הויך אלע זאכין איז דאך גלאט אשאנדע פאר
אונז אידין דאש מיר זאלין ניט פאר שטיין דיא לאנדעם שפראכע ·

אזו ווייט ניט ; דאש מען שיקט דיא בריף אין קהל שטיבל אום איינען אדרעם אויף צוא שרייבין · אונ איין פאקטער מוז זיין אמליץ פאר אונזער קהל ביא דיא ווישע נאצייאלסטווא · נאך שלימער פאר אליץ · דאש דורך דעם קענען דיא פארנעמע קריסטען מער ניט וויא אונזערע איזוואזיקעס · אונ פאקטורים אם העכסטין נאך אשניידער דער צוא · אונ ניט איינעם פון אונזערע גרויסע לייט · וואש וואלטין ווירקליך גיוועהן פאר אונז לתפארת׳ נון גלויבע איך דאש אונזערעד אידעשער עולם וועט אן נעמען דיזען אוקאז מיט פריידען · אונ גרויש צוא פריידענהייט · „ניין ר׳ יודיל !" האט זיך אפ גירופין איינער פון דיא געסטע · איר האט אטעות · איר זאלט ווישין דאש עם איז גראדע אונגיקערט · אונזערע אידלעך זאלין גיזונד זיין האלטין עס גאר פאר אגזירה׳ זייא גלויבין דאש וועט זייא אראפ פירען פון דעם אידעשען דרך · אונ אין רייסין פאשט מען שוין דאריבער · אונ דא אויך פאריוועט מען זיך שוין צוא זאגין סליחות · אונ דיא זאגערם אין דיא קלייזלאך זייען דער מיט מרעיש עולם · שרעקין נאיין דעם עולם דאם דאש וועט נור אן מאכין דאנאסציקעס · אפיקורסים · גינוג פאר אונז אר׳ דוד דאנם וואש איז אגרויסער פטיט · אונ איז כוציא דעם אידעשען כלל מיט רוסיש דארט אין מקום הגדול וויא אמאל ר׳ וועלוויל דער שתדלן זכרונו לברכה האט מוציא גיוועהן דעם אידעשען כלל מיט פויליש דא אין אילון · אונ דער זאגער פון דעם קצבישען קלויז האט אזו ווייט אויף גערייצט דארט דעם המון עם · דאש זייא האבין שיר ניט נהרגת אאנציצען ארעם בחור דער פאר וואש זייא האבין ביא אים דער וויסט וויא זייא זאגין אטרייף פסול · אונ ער האט גימוזט אנטלייפין פון דארט צו ליכט בענצין · מען זאגט אפילו דאש ער קען גוט לערנען · אונ פאר שטיים אהיפשע ביסיל רוסיש · איין גוטער באווייז וויא אידין ווילין שקאלעם · איך בין אייך ערב · ווען מען וועט ניט נייטין מיט געוואלט דאש אלע זאלן גיין אין דיא שקאלעם · וועט

מער



סער וויא אקלעזמער · אאיזוואסציק · אונ פילייכט נאך אצירולניק ניט שיקן אהין זיין קינד · אונ נייטין וויא עם ווייזט אויש וועט דיא רעגירונג ניט :

„אוי דאש פאר דריסט מיך זייער" האט זיך אפ גירופין דער ר׳ יודיל · דאש אזו ווייט זאל נאך שטיין אונזער פאלק צוריק דאש האב איך ניט געגלויבט · נון טוט מיר לייד מיט דיזעם ארעם קינד · איך העטע אזו איינעם גראדע מיט אפענע ארעמס אויף גענומען · אונ ווען ער האט ווירקליך אשיינע האנדשריפט · וואלט איך אים דער האלטין ביא מיר פאר איין איבער שרייבער אונ דאש וואלט אים גיפירט פאר געווים צוא איינעם בעסערין תכלית אלם דיא באנק קוועצעריא וואש דאש פאר דארבט קערפער אונ זייל · דען על פי רוב בלייבין דיא ארעמע בחורים אן גיזונט אונ אן קאראקטער · אונ בזמן הזה אויך אן תורה אונ אן יראת שמים · איך וויים עם מער אלם געווים · דען עם וואר ביא מיר שוין גענוג דיעלעם · אונ מייסע דיעלעם פון דיזער חברה" :

דיזע ווערטער האט דער ר׳ יודיל גירעט מיט גרויש היץ וויא איין אויף ריכטיגער פריינד פון דער בילדונג דאש זייא האבין זייער שטארק גערירקט אויף אלע געסטע · נאך מער אבער האט עס בעריהרט דעם שעפקען וואש ער אליין איז עם דער העלד פון דיזער געשיכטע · דאך איז ער גיבליבין זיצין דער ביא גאנץ רוהיג · אונ האט זיך געפרישטיקט מיט גוטין אפעטיט אזו וויא ניט אים מיינט מען עם · אונ דאש גלייבין וואר ער אזו צוא שלש סעודות · אונ ערסט נאך הבדלה זיצענדיק ביא דעם סאמאוואר · האט ער אים ערצעהלט אן זיינע רייך וואש ער האט גישפראכין אין דער פריא ביא דעם פרישטיג אונ האט אים צוא גלייך אויש גיזאגט · דאש ער איז עם דער ארוים געטריבענער ארום בחור · אונ האט אים גיבעטין מיט טרערין אין דיא אויגין · דאש ער זאל אים ביא זיך דער האלטין · „איך וועל אייך טרייא

ביט. (שעפקע) דינען

דינע״ האט ער צוא אים גיזאגט ״דען איך בין איין עלענדעס
קינד · איך האב קיינע מוטער · אונ מיין פאטער זאל זיך לאנג
לעבין · איז מיר אויך וויא אפ גישטארבין · דען ער האט גינומען
איינע אנדערע ווייב · ער איז מיר נאך מער אלס אפ געשטארבין ·
דען פון אגעשטארבענעם פאטער האט מען זכות אבות · עס איז
ערלויבט צוא קומען וויינען אויף זיין קבר · מע׳ זעהעט זיך מיט
אים אפט אין חלום · לעבט ער אבער אונ נעמט איינע ווייב דא:
איז מען וויא אקינד וואש האט קיין מאל ניט געוואוסט צוא זאגין
פון אטאטען״ אונ ווארום האסט דוא מיר ניט גיזאגט באלד · דאש
הייסט נאך פרייטיג צוא נאכט דאש מען האט דיך ארויס
געטריבין ?״ האט אים דער ר׳ יודיל גיפרעגט · אונ האסט גישפילט
בייא מיר דיא ראלע פון איינעם אקארסט אן גיקימענעם ארעם
בחור ? מהסתם מוז דאך זיין דאש דוא שפירסט זיך אליין פאר־
שולדיג · דען ליגען זאגין איז איינע זינדע · ״ווייל איך האב
גימיינט״ האט אים שעפקע גיענטפערט דאש לייענען ארוסישען
בוך אין אקלויז וועט זיין בייא אייך אויך אזינדע · איצונד אבער
אלס איך האב גיהערט אייער איידעלען גישפרעך מיט צייערע
געסטע ווייס איך שוין אויף וואסער וועלט איך בין מיט אייך ·
אונ האב מיך אלזו בעקאנט פאר אייך דאש איך בין עס דער
ארויש געטריבענער ארום בחור · פון דעם קצבישען קלויז נור
דער פאר דאש מען האט דער ווישט בייא מיר איין
רוסישען בוך :

״גוט מיין קינד״ האט אים דער ר׳ יודיל גיענטפערט · איך
בין איין ווארט מאן אונ וועל אי״ה מיין ווארט האלטין · דאך מוז
איך אבער פריער זעהען צוא האסט דוא אשיינע האנד שריפט ·
אונ צו פאר שטייסט דוא איין עטוואס דיא רוסישע שפראכע ·
דען זאנסט וועסט דוא דאך מיר ניט טויגען · ״העטע איך עס ניט
האבין״ האט אים דער שעפקע גיענטפערט · וואלט איך אייך עס
גאר ניט אן מוטהען · אונ אזו ריידינדיק האט ער גינומען דעם

טינט



טינט און פעדער וואש איז דאן גישטאנען לעבין אים אויף
דעם פענסטער · אונ האט אים אפ געשריבין אגאנצע פאדער
זייט פון ארוסישען בוך וואש איז דארט גילעגין זייער צירליך
אונ ריין נור מיט איין עטוואס ־ גרייזין · דאש עס איז דעם ר׳
יודלען העכסט געפעלין · אונ האט אים צוא גלייך דער ציילט
וואו ער האט עס געלערנט · אונ דער ר׳ יודיל האט אים בייא
זיך דער האלטין · ער האט אים פאד שפראכין טיש אונ קוואטיר ·
אונ אויף שוכין אונ קליידין זאל אים וואש מאכין בייא אים · דער
שעפקע וואר דאן אלט איאר אכט צעהען · ער וואר זייער שיין
אויש געוואקסין · געזונד · שטארק · קלוג אונ דער צוא זייער
בויקע (מוטהיג) · ער האט זייער גוט פאר שטאנען וויא צו מאכין
זיך גיפעליג בייא זיינעם פרינצעפאל אונ בייא דיא הויז לייטע ·
ער האט יעדערין גיפאלגט אין שטוב · זעלבסט דיא דינסט
אידענע אנאנג איז גיוועזן בייא אים ניט פאצאם · אונ האט דער
לערינט אין דעם פערלויף פון איינעם יאר זייער פיל פון דער
רוסישע שפראכע · אונ האט נאך דער צו זייער גוט פאר שטאנען
וויא דעם גראשין צוא מאכין · דען דאש האט ער גילערינט אין
דער היים פון זייגעם פאטער אונ אזו אויך פון זיינעם לעהרער ·
פון דעם אסעסערס שרייבער · וואש וואר אויך אגוטער לאפקע
מאכער · אונ וויל דער ר׳ יודיל וואר פון אים אין דעם ערסטין
יאר העכסט צוא פרידין האט ער אים אריין גימאכט פאר איין
קאלענראף (שיינשרייבער) אין אפערווע ראזעראד שולע וואש ער
האט באקומען דער פאר פיר רוביל אחודש מיט קאפעקעס · אונ
האט אלזו אן גיהויבין זיך שיין צו קליידין אונ צו פוצין צו רייכערין
צונארין · צו בעזוכין איינע ביר האלע · אונ האט זיך מיט דער
צייט אויש גילערינט צו שפילין אין בילערט · אן געלעגנהייטען
האט אים דער צוא ניט גיפעלט · דען ווער פון אונז אידען איז אזו
אונהייפליך ניט אריין צוא פירען אין אביר האלע דעם איבער
שרייבער פון זיינעם פראזבע שרייבער ? קורץ דער פון אונזער

שעפקעלע

שעפּקעלע איז אין דעם צווייטען יאר געווארין אפּיינער יונג · מיט
אשיינעם בענעמען · דאש עס וואר שוין מער קיין שפּור (שלאד
פון ארעם בחור אין אים צוא מערקין · אונ איז געווארין אזו היטריג
(פער שלאנען) דאש ער האט זיך געמאכט גאנץ, אונענטבעהרליך
(גיע אבחאדימא) ביא זיינעם הערען · אונ האט זיך אין אים איין
גיטרויט מיט לייב אונ לעבין אונ האט גיזעהן וויא וויים נור מעגליך
איז אים צו צו שארין אנראשין · אונ אין פערלויף-פון צווייא יאר
האט זיך שוין זיין נאמען שעפּקע פערוואנדעלט אין דעם נאמען
"שבתי" אונ האט אן געהייבין זיך צוא שמארען צוא פערבייטען
זיין פּראזוויסקי "האנברייא" וואס וואר אים צו שאנדע · דען זיין
פאטער האט בעקומען . דיזען צוא נאמען נור דורך דעם וואס ער
האט אין זיינער יוגענד געגנבעט אהאן ביא אפּויער אונ האט אים
בעהאלטען אין אזאק · אונ צום אונגליק האט דר האן אן געהייבען
צוא קרייען ביא זיין ארויס גיין פון דארף אונ מען האט אים דער
האפּט דורך געקיילט דיא ביינער אונ אוועק גענומען דעם האן
אונ האט בעקומען דעם נאמען האן קרייא · אונ האט אויס געפירט
זאקאנע דאס זיין פּראזוויסקע זאל הייסען "קארבונקעל" ווארום
קארבונקעל איזט דיא תשובה דארוף וויל זיינער אזיידע וואס האט
געוואונט אין אגעוויסען דארף קארבונקעל · האט מען אים גערופין
ר' משה קארבונקעל :

5. 4

"שעפּקעס קומען צוריק אין יאנציק"

דיזע גוטע שטעלונג פון דעם שעפּקען ביא דעם ר' יודלע
אין שטוב · האט ערשאלען (ערקלונגען) ביז אין יאנציק · מיט
פופציג פּראצענט מעהר אלס עס וואר אין דער ווירקליכקייט ·
דארט האט עס געהייסען גאר דאס ער איזט געווארען איין לעהרער
אין דער ראבינער שול ; דאש ער איזט געווארין אגרויסער זאקאניק
אונ איזט אגרויסער מאכער ביא נאצייל סטווא · אונ דאס ער האט

שוין



שוין אגרויסען פערמעגען · אונ דער פאטער וואש האט זיך מיט
אפּאר יאר צוריק געוואלט פערנעסען אן אים אויף איבער אונ אייביג
האט זיך אנגעהייבען גאר צוא בעריהמען מיט אים "מיין שעפּקע
זאל געזונד זיין" פלעגט ער זיך אויס צו דריקען מיט גרויש שטאלץ
אין בית המדרש נאך דעם דאבנען · איזט געווארען אין אילן
אלייט · עס פערקערען מיט אים דיא גרעסטע מענטשין · זייא טוען
נים אן אים ; וואש אהאר איז ווערט · אונ האט שוין אויף זיך
גרויסע גבירים באלאנים וואש ווילין אים בעקומען פאר איין
איידים · נור לאו דיא בוריקעס · ער לאכט זיך אויש פון זייער
קאפּ · זאל ער זיך נור נאך אביסעל אונטער האדעווען אין
לינאווע · עס ווארט שוין אויף אים אגרויסער לייט · "אונ וואש
דען מיינט איר ? פלעגין זיך אפּ צו רופען דאן איינינע שטעטיל
לייט · אדעס איז אילון · זיא מאכט מאקע פון קינדער לייט ·
עס איז דארט אוועלט מיט חכמים · מיט גבירים · אונ דאהער
שיקין מאקע ארין אלע בעלי בתים פון דיא ארומיגע שטעט
זייערע קינדער אהין אין דיא קלויזען אונ אין דיא קלייזלעך · אונ
דיא אילונער אידין מאכען זייא שוין פאר מענטשין :

נון פאר שטייט זיך שוין פון זעלבסט ווען שעפּקעס נאמען
איז גיווארין אזו גרויס אין יאנציק · דאש דער פאטער האט אן
גיהייבין צוא שטאלצירין אויף אים דאש ער האט אים שוין אן
געהייבין צו גערימען דורך יאנציצער עוברים ושבים · דאש ער
האט אים געשריבין בריף · אונ האט זיך צו געלאסצעם צו אים
מיט קליינע געשייניקע · למשל וויא אפּאר קעולעך · אלאדישקע
פוטער · דאכיט דער זון זאל זיך שוין נים פאר געסין דאש ער
איז אפּאטער זיינער · אונ זאל אים שטיצען אויף דיא אלטע
יארין פון וועלכע ער וואר שוין גאר נים ווייט · אונ דיזע
צערטליכקייט פון דעם פאטער · האט אפּ געקלונגען אין דעם
הערצין פון דעם זון אזו העל · דאש אויף דעם ערשטין רוף וואש
דער פאטער האט אים גירופין צוא זיך דורך אבריף אין וועלכען

RETURN OF THE NATIVE SON



ער האט געשריבען דאס ער איז געפעהרליך קראנק אונ האט מיט
אים וואס נייטיגעס צוא שפרעכען · האט ער גענומען ערלויבניס
ביא זיינעם פרינצעפאל אויף צוויא דרייא וואכען · אונ איז זיך
אריין געפארן קיין יאנעציץ מיט אגלאק · אנגעטאן גאנץ קריסטליך ·
אין אפלאסק מיט אגרויסען קאלנער · אונ מיט ארויטען שאל ארום
האלדז · דיא שטעטעל וואר גאנץ אויף געקאכט · דען מען האט
גימיינט עס איזט אנגעפארן ארעוויזער · אונ דער נאך אלס מען
האט געזעהען דאס ער איז פערפארען צו דעם איצעלע האנקרייא
אונ דאש איזט דער שעפקע זיין זון · זייען געווארין פילע מענשין
נאך מעהר אונרוהיגער · דאס הייסט דיא מלמדים אונ דיא דרייא
לעהרערלעך וואס האבין דארט געלערענט מיידלעך שרייבען · דען
זייא ווארען אלע ניט עקזאמענירטע · אונ ער דער שעפקע וויא
עס וואר צוא העריין דארט וואר איבער דיא שולען · נון וועלין זייא
דאך ארוים געצויגין וועריין · דען מען האט גיזאגט אויף אים דאס
ער איז זייער שטראנגע · אונ רעט דער צוא אלץ אויף רוסיש · אונ
האט זייער פיינט אאידען :

דער צוא נאך האט זיך געמאכט דאס אלס ער איזט אריין
צום פאטער אין שטוב ווארין דארט אפאר אסטאוונע קצבים וואס
זייען געקומען קלייטערסט מיט דעם אוים רייד מבקר חולה צו זיין
אים · אונ באמת אום נור זיין נשמה צוא דער היטען · דען פון
זייערט וועגען האט ער שוין געקענט שטארבין · נור ער האט זייער
שטארק געמארודזעט · וויא דיזע האבען דר זעהען דעם שעפקען ·
האבין זיי זיך אויף געחאפט אונ האבען אראפ געחאפט די היטלען ·
האבין זיך געשטעלט אן אזייט · אונ האבען זיך ניט געקענט
אפ וואונדערען צוא זעהען וואש פון דעם שעפקען איזט גיווארען ·
אונ העטען זייא ניט גיהערט פון דעם פאטער דיא ווערטער „וואס
מאכסט דוא מיין קינד" וואלטען זייא גיגלויבט דאש דאש איז עפעס
אצינאווניק · דען ער האט געשפראכען מיט דעם פאטער אלץ אויף
רוסיש אונ דער צוא זייער גראמקע דאס עס האט ביי זיי גיציטערט

דיא



דיא מארך אין דיא ביינער · אויך גייט ער אן אהיטעל עפעס וויא
אקריסט · אונ מיט ארויטע שטיינגע אויף דעם האלדז אויף וועלכע
ער האט געטראגין מהסתם איינע אור · אונ זייא האט זיך גידוכט
דאש ער האט געווים אמאדייל · אונ האבין אלזו דער לעבט קוים
זיך ארויש צו חאפין · אונ זייען געקומען אין יאטקע מיט גרוים
גייעס „מיר זייען גיגאנגען צו דעם איזבארסציק" האבין זייא אן
גיהייבין אום צו צו נעמען ביא אים דיא נשמה · האט זיך אויש
גילאזט דאש מען האט ביא אונז שיר ניט צו גינומען אונזערע
נשמות · דען מיר זייען שיר ניט צוא שטארבין פון שרעק איבער
זיין בענאק דעם שעפקען וואש איז אן גיפארין אין אונזער ביא
זיין דארט · וואלט איר זעהען אביסיל אגידעלניק · אוים געוואקסין
אויף קורצע יאר · דען ער איז איין וואהרער גוי · גייט זיך אן
אהיטיל · אונ רעט אלץ רוסים · אונ אזו שטראנגע · אונ מיט אזו
אביסטרען בליק דאש עס איז אונז איין געפאלין דיא דמים ·
אונ וויא עס ווייזט אוים טוז ער האבין מיט זיך אויך אפתיבה ·
דאש הייסט איין אטקריטע ליסט „א וואלט ער אזו אוועק
גיפארין מיט ליידיגע הענט וויא ער איז פאר געווים ניט גיקומען
מיט ליידיגע הענט" האט זיך אפ גערופין אשינדער „אוי אוי !
האט זיך אפ גירופין אמבקר · ווען אונזערע חכמים וואלטין
גילעבט אין אונזערע צייטין וואלטין זייא שוין בעסער גיזאגט אן
שטאט „הזהר בגוי קטן" דאש הייסט מען זאל ניט איין רייסין מיט
איונגען אינגעל פון אנאנדער אמונה דען ער קען ווערין מיט דער
צייט איין צינאווניק „הזהר בישראל קטן" רייסט ניט איין מיט
אאידעשען אינגעל · דען ער קען ווערין מיט דער צייט אדיעלוואער
שרייבער · אונ קען נאך מער ביז טאן אלס יענער · א דער
יונגאץ מיינט איר וועט ניט גידיינקען דאש מען האט אים עטליבע
מאל ארוים גיווארפין פון דעם בית המדרש פאר זיינע גוטע
העפצעס · הלואי זאל איך ליגען זאגין · ער וועט זיך נוקם זיין
דען ער איז דעם טאטעס אקינד" · דיזער גישפרעך מיט נאך
אצוליי:

אצולייג דער צו דארט אין יאטקע · האט זיך אוים געברייטעט איבער דער גאנצער שטעטיל · אונ דיא גאנצע געמיינדע וואר וויא פאר שטערט איבער דיזין שרעקליכען גאסט · דען מען האט אלץ פחד געהאט צו וואקסט עס ניט פון זיין קאפ וואש מען וויל דא מאכין ארעוויזע · אונ קהל האט צו ליב דעם גימאכט אקליינע אסיפה · נון מיינע טייערע לעזערין · לאמיר אונז אויף אוויילע אפ ווענדען פון דיא יאנציצער קהלשע אינטערעסין · אונ וועלין אונז צו ווענדען צו דעם איזבארסציק אום צו הערין דארט דאס גישפרעך צווישין פאטער אונ זון :

„מיין קינד„ ! האט זיך דער פאטער אפ גירופין צו דעם שעפקען מיט איינער שוואכען שטימע · „איך האב מיט דיר זייער פיל צו ריידין · איך וויים אבער ניט צוא וועט קלעקען דער צו מיינע כחות אונ דיא צייט · דען דער טויט איז זייער דרינגענד · אונ דער צו נאך גאנץ אונגעריכט · נור גענוג וויא ווייט עס וועט נאך לאזין זיך פאר ריכטען דורך דיך · דארף מען פאר ריכטען · נון לערין אזו פון דיינעם פאטער · דאש מען טאר קיין זאך ניט אפ לייגין אויף שפעטער · איך האב מיך אלץ צוא געקליבין · ביז דיא לעצטע שעה · נון זייא וויסין מיין קינד דאש איך שטארב אונ לאז זעקס קינדער גאר אן אתכלית · דאהער וועל איך דיר איצטער מוסר זיין כפה וכמה סעקרעטנע ענינים וואש דוא קענסט מאכין פון זייא מעלקענדע קיעלעך„ : אונ אזו ריידענדיק האט ער ארויש גינומען פון צוא קאפין אבונד פאפירין · אונ האט אים דער לאנגט אין האנד„ לייען עס מיין קינד · דוא וועסט דא גיפינען פון פייגיל מילך · דוא וועסט דא גיפינען רייסטער פון אידעשע אונ פריצעשע נעלמים · פון ביעגלע סאלדאטין וואש זייען פאנסציזניקעס אין דיא ארומיקע גיטער · פון דיא גנבות וואש דיא האלץ הענדלער מאכין אין דיא קאזאנע וועלדער · אונ נאך אנדערע זלאאופאטרעבלענעס · אלץ מיט ריכטיגע בעווייזע · איך האב גיהאט דער פון היונע אן צער · נון גיב איך עס איצטער איבער



אין דיין האנד · אונ וויים עס גוט צו בענוצין · עס איז אלץ שוין אפ גימאכטע זאכין אויף געוויסע מאנאטליכע גיהאלטין · דאהער זאלסט דוא מיין קינד פאר בלייבין דא נאך מיין טויט ביז דוא וועסט אלע דיזע ענינים אין ריינעם ברייינגען · זייא נור אהיוואט מען וועט עס דיר אין דיא ציין ברייינגען דער נאך זעלבסט קיין אילון · יעדערע אין זיין צייט · עס וועט קלעקין פאר דיר אונ פאר דיא יתומים · נור פאר שטייא וויא צוא בענעמען זיך מיט דיזע לייט · מיט דיא דזידזוקעס (אידען) זאלסט דוא ניט ריידין אוואַרט אידעש · נור רוסים · זאנסט וועלין זייא מיט דיר פאניע בראטצע אונ דאש גלייבין מיט דיא קריסטין ניט אוואַרט פאליש„ ·

דער זון האט אים פאר שפראכין צו איספאלנייען אלץ וואש דער פאטער האט אים גיבעטין · אונ דער איצעלע האנקרייא איז זיך גאנץ רוהיג אונ צו פרידען איין גישלאפין זיין אייביגין שלאף · אונ האט גיהאט אלויה וויא איין היילינער · אונ האט באקומען אמקום קבורה גאר אויבין אן · דען מען האט זיך גישראקין פאר דעם זון · איבער יא צייט שבעה האט ער דורך גינומען זייער גוט אלע דיעלעם פון דעם פאטער · עס האבין אים דער וויסט ביא דיזער ארבעט זעלבסט דיא פני העיר וואש זייען גיקומען אים מנחם אבל זיין · אונ מען וואר העכסט בעדיינקלעך וועגין דעם · אונ דאהער האט מען אן גיהייבין אונטער צו האנדלען מיט אים באלד נאך שבעה · אונ דאש ענדע וואר מען האט אים גיגעבין אויף איאר פאראוים וואש דער פאטער פלעגט אליין צו נעמען פון אבציסטווינע געלד · באלד נאך דעם האבין אים דיא מלמדים דיא לעהרער אויך אריין גיטראגין ארובעל פופציג · אונ האבין נאך דער צו גימוזט ברייינגען דיא קינדער צו אים דאש ער זאל זייא עקסאמענירין · דיא לעהרערלעך האבין אוים גילערנט זייערע שילערינען אפיעסנע ארוסישע אין וועלכע דער שעפקע וואר נעריהמט אונ גיהייבין ביז אין הימעל · אזו ווייט קען זינכען אנאציאן וואש איז ניט ציווילייזירט (וועלטליך) דאש עס ציטערט

פאר איין שאטען בייא דער גרעסטער אונשולדיגקייט · אונ אזוי איז דיזער קאנאליע דורך גיקומען מיט זיינע איבעריגע קונדין · דאך דיזעם אלעס האט גידויערט אסך מער אלס אפאר וואכין · ער האט זיך פאר זאמט אוואך אכט · אונ האט דער צו אויך קיין בריף גישריבין קיין אילון צו זיינעם פרינצעפאל וואס האט שוין דאהער גיגלויבט דאש ער וועט שוין פאר גיווים ניט קומען · אונ וואש דאש האט אים זייער פיל געשאדעט · וויא מיר וועלין דא ווייטער שרייבין :

פאר זיין אפ פארין זיינען גיקומען קרובים צו פאר העלפין זיך בייא אים · האט ער זייא גיפאטערט מיט הלומות · אונ מיט אגאנצין דרוש פאר וואש זייא נעמען זיך ניט צו קרקע · דאש זייא האבין זיך קוים ארויס גיהאפט פון אים מיט גרויש שאנדע · דען ער האט זייא גירופין ניעגאדיאעם · פראזנעשאטאיעקצעם אונ דאש גלייכין :

שפאסהאפטער אונ לעבערליכער וואר דארט דער געשפרעך צווישין אים אונ זיינע אמומע · זיין מוטערס אשוועסטער וואש האט אים פאר זיין אפ פארין גיבראכט אפאר אינגלאך איינער פון איאר זיין · אונ דער אנדערער פון איאר זיבין · האט זיך אפ גישטעלט מיט זייא פון ווייטין · אויש גישנייצט דעם נאז אונ האט זיך פאר אים פון איינאנדער גיוויינט · „מהסתם האשט דוא דאך גיהערט פון מיין צרה״ · האט זיא אפ גירופין · אוי דאש איך בין שוין מעהר אלס צוויא יאר איינע ביטערע אלמנה · ער וואר אפילו אקנאפער פארדינער · דאך וואר מען ניט אזוי פערשמאכט וויא איצונד · אוי מיינע צרות · נויט ברעכט אייזין · איך האב עס אפילו ניט גיוואלט · נור ווען מען טרינקט זיך האפט מען זיך אן אן דעם שארף פון איין מעסער · אונ בפרט גוטע פריינד האבין מיר דער צו צו גירעט · וואלט מ״ן מאן דער צדיק גילעבט וואלט עס מיר אפילו אויף מיינעם זינען ניט ארויף גיקומען ; איצונד אבער אלס גאט האט דעם טאטען פון מיינע קינדער צו גינומען · האב איך שוין וויא

מען



מען זאגט קיין ברירה · קורץ דער פון מיין טייערער שעפענקע · איך האב דיר גיבראכט דיזע צוויא עופענקעס · איך גיב זייא איבער פריהער אין נאטעס האנד אונ דער נאך אין דיינער האנד · אם חלעבין נעם זייא צו פון מיר · אונ פיר זייא אפ מיט זיך קיין אילון · אונ מאך פון זייא וואש דוא ווילסט · נור זייא זאלין אידין בלייבין · מאך פון זייא דאקטורים · אפטייקארעס · ראבינער · נור זייא זאלין הלילה פון גאטש וועג ניט אראפ · אדער אפשר גאר רוסישע שרייבער · אונ ווען מיגליך איז מאך פון זייא וואש דוא אליין ביזט · אוי ארעמקייט קען דעם מענטשין צו אלץ בריינגען :

נון מיינע טייערע לעזערין וויא מיר ווייסין אויף קלאר דעם שעפקעס שטאנד אין יענער צייט איז אים צו בעוואונדערין וויא אזוי ער האט זיך גיקענט אפ ווערין פון לאכין · דיזער פיינער יונג האט איר אבער אפ געפערטירגט מיט שלאגענדע (וויכטיגע) תשובות בייא וועלכע ער איז גיבליבין גאנץ גירעכט · אונ דער צו נאך בייא דער וויכטיגין מיינונג וואש מען האט גיהאט פון אים אין יאנציץ „ערסטענס האב איך בדעה צו פארין קיין פעטערסבורג״ האט ער איר גיענטפערט · צווייטענס העטע עס מיגליך גיווען וואלט איך עס גיטאן מיט מיינעם ברודעריל · דריטענס מוז מען האבין איינע וואלנעגע פון אפציסטווא דאש עס איז זייא ערלויבט צו שטודירין · אונ דאש זייא בלייבין פרייא פון רעקרוטין אונ פון פאדאטקעס אונ דאש וועט איר ניט דאקאזין אונ ווייטער ווען איר ווילט דאש דיא אילונער אידין זאלין מגדל זיין אייערע קינדער ; וועט מיינע התקרבות זייא גראדע שאדין דען זייא וועלין פאר שטיין דאש איך וועל מיט דער צייט מאכין זייא שטודענטין :

נון לאמיר לאזין אונזער שעפקען אויף דער ריקרייזע נאך אילון · אונ מיר וועלין אונז צו ווענדען צו דעם ר׳ יודיל זאקאניקס :

---

6.

„גרויסעם אומגליק אין דעם ר׳ יודיל זאקאניקס הויז“

אין דיזע אכט וואכין וואס דער שעפקע האט זיך פערזאמט אין יאנציץ אונ אויף זיין אהין אונ צוריק רייזין, האט דער ר׳ יודיל גיהאט איינע גוטע אונ צו גלייך טרויעריגע גילעגינהייט צו בערייען (חרטה צו האבין) אויף זיינעם אריין נעמען דעם שעפקען צו זיך אין הויז ; אונ נאך כעהר אויף זיינעם גרויסין צו טרויען צו אים ביז אהער. ערסטינס האט ער זיך ארום גיזעהען דאש דער שעפקע האט אן גימאכט גרוישע פאלשין אין זיין זורנאל. וואש וואורין דארט אקטירט קאנטראקטין. דוקאמענטין. דען דער ר׳ יודיל וואר איין מעתיק אונ צו גלייך נאטאריוס. ער האט דארט גיקריצט אונ איבער גימאכט נומערין. אונ אריין גישריבין מאנכע זאכין וואש דער ר׳ יודיל ווייס גאר ניט צו זאגין פון זייא. למשל וויא אונטער געשאבע (פאלשע) טעסטאמענטין (צוואות). אפט אויך וועקסלען. אונ נאך גימאכט דעם ר׳ יודילם התימה וויא איין האר. דען דער שעפקע האט דיזע קונסט גיקענט אין העכסטין גראד : היינט האט ער ארויס גיגעבין קאפיען פון כמה סעקרעטנע פאפירין וואש דאש האט גישאדעט צו זייער וויכטיגע ענינים. איינע נאך שרעקליכערע ענטדעקונג אבער האט גימאכט זיינע פרויא דיא דאבע פעריל וואש וואר צוואר איינע טרייע ווייב. אגוטע ווירטין אבער דאך קיינע געשיקטע מוטער וויא על פי רוב אלע אידעשע עלטערין וואש ווייסען ניט אונ ווילען ניט וויסין וויא קינדער צו ערציהען. אונ נעמען זיך אונטער צו ווערין טאטעס אונ מאמעס. אונ בפרט נאך פון טעכטער וואש דארפין האבין אויף זיך גרויס אויפזיכט. וויא אונזערע חכמים זאגין אין כדרש פרשת נשא אויף דעם פסוק „יברכך ה׳ וישמרך“ גאט וועט דיר בענצין מיט זין. אונ וועט דיר איין היטין דיינע טעכטער. דען זייא מוזין האבין גרויש שמירה אונ דריקע זיך אויש

מיט



מיט דיזעם לשון „יברכך ה׳ בבנים וישמרך בבנות שצריכות שמירה“. נאך מער רעט דער פון דער בן סירא אין זיינעם ספר (מ״ב) „בת לא ארשה תמוגג לב אביה ומפחדה נדדה שנתו“ דאש הייסט איינע אונפערקנאסטע טאכטער ענטמוטהיגט דעם פאטערס הערץ. אונ שלאפט ניט קיין נעכט. אים זיין איין נישראקין אליץ צוא ליב איר. „אם צעירה פן תגנן. ואם תנשא פן תשנא“ איז זיא נאך גאנץ יונג. איז מען בעזארגט דאש זיא זאל ניט בלייבין זיצען אצייט אן אמאן. איז זיא שוין זעלבסט פאר הייראטהעט. פילייכט ווערט זיא פון מאן געהאסט. „אם בתולה פן תפתה ותהר בבית אביה. ואם בעולה היא פן תשטה. או תהי עקרה“. איז זיא נאך אמיידכען. איז מען בעזארגט דאש זיא זאל זיך ניט לאזין בערידען. איז זיא אבעמאנטע. פילייכט ווערט זיא אויש געלאסען. אדער בלייבט איינע עקרה׳׳ „שמור בתך משרכת דרכיה לבל יביטו בך שורריך“. היטע איין דיינע טאכטער וואש איז נור איין עטוואס פלאטערהאפט. דאמיט דיינע פיינדע זאלין ניט דייטען אויף דיך מיט זייערע פינגער. „פן ירחיבו פיהם עליך ופניך יכלמו בשער“. דאמיט לייט זאלין קיינע שלעכטעס פון דיר ריידען. אונ דאש דיין געזיכט זאל ניט ווערין רויט אונ פאר שעמט אין דיא ערטער וואו דער עולם קומט צו זאמען. אונ אזו איז צו גיפינען נאך אזעלכע פילע טייערע שפריכווערטער פון דיזעם ענין :

נון לאמיר אונז אום קערין צוריק צו אונזער ענין. דיא דאבע פעריל האט גימאכט נאך אוויכטיגערע ענטדעקונג אלם איר מאן. אונ צו גלייך איינע פיל טרויעריגע. אונ דאש איז זיא האט זיך ארום גיזעהען דאש זייערע איינציגע טאכטער דיא צארטקע. דיא קוים אויש געוויינטע אונ אויש געבעטענע פון גאט. וואש זיא וואר זייער גאנצע האפענונג. זייער שטאלץ. זייער פריידע. דיא שפינדיל וואש עם האט זיך ארום איר גידרייט דער פאדעם פון זייער גידאנקען. דען זיא וואר ווירקליך איין

געראטענעם

נעראבּענעם קינד · שיין און קלוג · אויש גישטאטעט (צו גיקליבּין) מיט אלע ווייבּליכע מוגענדען (מעלות טובות) · דיזע צארטקע איז שוואנגער · און האלט שוין אין פערטין חודש · זיא האט עס באלד מיט גיטיילט דעם מאן · און עס וואר דארט טרויער איבּער טרויער · אי ניט וויסין זאל מען פון אזו איין אומגליק · עס איז דאך אפילו קיין צרה ניט ניט · דאך קען מען זיך אויש ריידין פאר לייטין · און מען ווערט גיטרייסט פון גוטע פריינד · דיזעס אבּער איז אזו איין אונגליק וואש מען מוז זיך נאך דער מיט שטיקין · דאש שונאים זאלין ניט ערפרייט ווערין · און מען זאל ניט ווערין אויך פאר שעמט פאר גוטע פרומע לייט · זייא האבין איר שטריינג עקסזאמענירט און האבין פון איר ארויס בעקומען דאש זיא איז גיווארין פאר פירט פון דעם שעפּקען וואס זיא וואר אים גינייגט פון דער שטונדע אן וואש ער איז אריין צוא זייא אין שטוב · און ערסט דאן האט זיך אן גיהייבין איין סעקרעטענער צאנק · אדער בעסער צו זאגין איינע געהיימע גריזאטע ציזוישען פאטער און מוטער · זיא האט אים פאר גיווארפין וואש ער האט דיזען אייש ווארף דיזעם יאנציצער שלעפּער אריין גינומען אין שטוב ווידער איהרעם ווילען · און ער ווידער האט איר אייש גינעסין אשטיק הארץ פאר וואש זיא האט ניט גיוואלט טאן ניט איין שידוך פון אלע שידוכים וואש מען האט זייא פאר גישלאגין פאר זייער טאכטער · דען דאש וואר איר צו קליין דער יחוס · דאש ווייניג געלט · און קנאפּ תורה · נון מיינע פרויא האט ער צוא איר גיזאגט · האט זיך גיפונען אמאן פאר אונזער טאכטער אן יחוס אן געלט און אן תורה · און דער צו נאך איין אוים ווארף · איין פאר דארבּענער מענטש · א ווייהע איז מיר און דיר · ווייהע מיר וואש איך האב דיך ניט גיפאלגט · און ווידער ווייהע מיר וואש איך האב דיר יוא גיפאלגט · דאש הייסט וואש איך האב דיך ניט גיפאלגט און האב דיזען באדיונג אריין גינומען צוא זיך אין שטוב · און ווידער

הייווע



ווייהע מיר וואש איך האב דיר ניט גיפאלגט און האב ניט אפּ גיטאן דעם לאדמירער שידוך · זאל שוין זיין דאש ער וואר איין עטוואס דארונטער · אונזער גמרא זאגט אבּער דאש מיט אטאכטער איז ניט אויש צו שפּיצין · איז דיין טאכטער הערויין גיוואקסין (בגרה בתך) מאך פרייא דיין קנעכט און גיב איר פאר אמאן · און אונזער טאכטער וואר שוין דאן אלט איאר אכט צעהען · און ווידער ווייהע דיר דוא ביזט דאך איינע פינסטערע מאמע · אהיימיקע אליידיג גייערקע ביזט דוא קליין גיוועזין אפּ צו פּאסין דיין איינציגע קינד · עש וואר בייא דיר רעכט צו לאזין איר מיט דעם עוכר ישראל אין איין שטוב :

קורץ דער פון: עש וואר דארט אין שטוב איין חורבן · איינער האט בעוויינט דעם אנדערין · און מען איז אום גיגאנגען פאר זארגט און פאר קלאגט · עש איז ניט גילעגין אין זינען שוין פרנסה · ניט עסין ניט טרינקען · מען האט זיך גיוואונצין דעם טויט · דר טויט אבּער האט אימער ליב צו זיין איין אום גיבעטינער גאסט · און איז זיך גיבּליבּין שטיין פון ווייטין · נון מיינע טייערע לעזערין · עש איז ניט איין צו הענדין · דאש אזו אנישיכטע מאכט אין אלע לענדער און בייא אלע פעלקער העכסט אונגליקליך דאש פאר פירטע מיידכען · נאך מעהר איהרע עלטערין · און שענדעט צו גלייך דיא גאנצע פאמיליע · דאך ווייסין זיך נאך דיא ציווילוזירטע נאציאנען (פערפיינערטע און פערבעסערטע) בייא אזו איין אונפאל צו מעסיגען · מען פערהיימליכט עש אפילו וויא ווייט מען קען · דאך קומט כמעט עש איבּער אן שום לעבינס געפאהר · אן ברוט שולד מוטער און קינד בלייבין לעבין · דער צו נאך בײדע גיזונד · און פערלירען ניט זייערע שטעלונג אין דאש מענשליכע רעכט · און אזו ווילין האבין אונזערע חכמים · דען זייא זאגין דאש זעלבּסט איין ממזר · דאש הייסט איין קינד וואש איז גיבּארין פון איינער אשת איש · ווען ער איז נור איין תלמיד חכם ווערט ער טייערער פאר אכהן גדול איין עם הארץ · און זעלבּסט אונזער תורה הקדושה

זעצט

זעצט ניט אויש קיין שטראף אויף איינער פערפירטע פנויה אדער מיירבען · מער ניט דאש זיא איז פסול צו דער כהונה · אונ דאש קינד בלייבט איין כשר קינד · אונ ווער עש איז ממית אפילו אממזר ווערט ער על פי דין תורה גימשפט וויא ער וואלט ממית זיין איין דעם גרעסטין מיוחס וואש איז איין צדיק גמור · דאש הייסט אנפש פאר אנפש :

נון אבער צוא אונזערעם לייד וועזין · לייפין אפ אזעלכע צופעלע ביי דער אונציוויליזירטע וועלט · דאש הייסט ביי דיא אונפערפיינערטע אונ ניט גוט גענויטעטע לייטע וואש זייען נאך גאנץ פאנאטיש · לייפין זייא אפ זייער בלוטיג · עס קאסטעט איין מענטשין לעבין דער ביי · דען על פי רוב ווערט ניט פון דעם נייא גיבארענעם קינד · אונ זייער אפט פאר לירט דיא יונגע מוטער אויך איר לעבין דער ביי · דורך איינע אונצייטיגע גיוואלטיגע גיבירט · אונ ווען אפילו דאש קינד בלייבט ביים לעבין גיט מען עס אפ על פי רוב צוא אמען וואש מאכין זיך דער פון אפרנסה · וואש דאש קינד ווערט דורך איר הערכסט פערמארעט אונ שטארבט איינעם לאנגווייריגען (מרודנעם) טויט · דען זייא טראגין אום דיזע עלינדע אונ אונשולדיגע קינדער איבער דיא קינדבעטעריגען (קינפעטארינס) אום אפ צו זייגין זייא · אונ ווערין דער צו דארט אזו שלעכט בעהאנדעלט וויא איין קליינער זייגהונד · אדער וויא איין גלות אין דיא קליינע שטעט אויף דער טהרה ברעט ·

א ווייהע איבער אונזערע פארקערטע וועלט · מען זוכט מילבין אין דיא גרויפינס · אונ מען פאר זעהעט אזעלכע גרויסע פארברעכען · נור גינוג דער פון צו ריידין דא מיינע טייערע לעזערין · דען איך זעהע דאש דוא ביזט אונגעדולדיג · דוא ווילסט בעסער דיא גישיכטע הערין · עש גישעהע דיין ווילין · איך ווערדע מיך מיט גאטעס ווילין פון איינאנדער ריידין דאריבער אין אבעזונדער ווערקעל · אונ קער מיך אום צו אונזער גישיכטע :





דיא עלטערין פון אונזערער צארטקען האבין גיהערט צוא דער אלטער פאנאטישער וועלט · אונ אלזו האט זיא ניט אויש גיטראגין ביי זייא דיא גאנצע ניין חדשים · דען זיא האט באלד וויא דיא עלטערין האבין זיך דער פון דער וויסט מפיל גיוועזן צו ווילענדיק צו ניט ווילענדיק דאש איז זייא צו ווישין אונ זייא צו גענומען · אונ זיא אליין איז פון דיזען משא ומתן קוים מיט דעם לעבין ארויש · אונ האט צו גיקריינקט גוטע פיר וואכין · אונ דאן האבין זייא זיך אן גיהייבין אויף צו זוכין יענע שידוכים וואש מען האט זייא פריהער גירעט אונ זייא האבין ניט גיוואלט :

4. ט

„גוטע נאכווייהענעס"

צוא ענדע דיזער געשיכטע אלס דיא עלטערין האבין גימיינט דאש זייא האבין דורך דעם זייערע עהרע גירעטעט · ווייל עס איז דיא זאך צו גיגאנגען גאנץ געהיים אונ האבין גיוואלט זייער טאכטער פאר שלייערין נאך רייטין גלייך · דאש הייסט וויא אונזערע נגידים טוען · מיט איינעם פון ווייטע מקומות · איז אריין אפאפיר וועגין אים אין דער פאליציייא פון דעם גובערנאטער · דאש ווייל עס האט זיך באוויזין אויף אים אין אזייער קורצע צייט פילע זלאאופאטרעבלענעם זאל ער שוין ניט זיין מער קיין גישווארענער מעתיק · קיין נאטאריוס · אונ איז אויך צו גלייך אונטער ווארפין אונטער איינע זייער שטרענגע שלעצטווא · דער ר׳ יודיל איז פון דיזעם פאפיר גיווארין ארום עלפין ביי נאכט · אלס קיינער אזו פון פרעמדע מענשין אלס פון זיינע הויז לייטע ווארין ניט ביי אים אין זיין שרייב צימר · לבד זיינע פרויא אונ זייער טאכטער מיט וועלכע ער האט זיך מישב גיוועזן איבער אנייעם שידוך וואש מען האט אים אקארסט פאר גענייגט · נון פאר שטייט זיך דאש דיזע שרעקליכע נאכריכט וואש ער האט דא ערסט אונגעריכטערהייט

באקומען · האט גימאכט אש פון דיזער הייזליכען אונ געמוטליכען סעסיאן · איין פינסטערער זארגען וואלקין האט זיך איבער צויגין דיא איינע דונקעלע חמארע איבער זייערע קוים יאוס גילייטערטע געזיכטער · דיא טאכטער וואש וואר נאך פאר ליבט אין דעם שעפקען וואש וואר וויא זיא וויים דיא געווישע אורזאך אויך פון דיזעם אונגליק · האט ניט גיקענט קוקין דעם פאטער גלייך אין גורה · אונ איז אריין אין איר שפייזלנע · דיא מוטער האט באקומען שפאזמען · אונ האט זיך גימוזט אריין לייגין אין בעט · אונ דער ר׳ יודיל וואש וואר אויך זייער שטארק פאר קלעמט דער פון האט זיך אן גיהייבין צוא מאכין לופט (ערלייכטערין זיין הערץ) דורך דיא זידלערייא אונ פלוכונגען וואש ער האט געפלוכט אונ געזידעלט דעם שעפקען · ער האט אויף אים אויש גירעט וואש אין קארט שטייט · ער האט אויף אים אויש גימאסצעט אלע קללות פון דער תוכחה · אונ האט פאר שאלטין דיא מינוט וואש ער האט דיזין פאר דארבענעם מענטשין · דיזע אונדאנקבארע שלאנגע אריין גינומען צו זיך אין שטוב · אונ העטע ער אים יעצט בעקומען האט ער ביי זיך גיטראכט וואלט ער אים צו ריסין וויא איין הערינג · צו זיינעם אונגליק אבער · האט זיך דער שעפקע טאקע אן גידרייט · ער איז גיקומען וויא גירופין אום דיזען ר׳ יודלען דען גאר אויש צו מאכין (העכסט אונגליקליך):

שעפקע וואש איז אקארסט גיקומען אונ וואש האט נאך ניט פאספייעט צו וויסען וואש דא האט זיך אפ גיטאן איבער דיא צייט פון זיין פאר זאמען זיך אין יאנציץ · איז זיך פאר פארין צו דעם ר׳ יודלען · צוואר מיט איינעם אונרוהיגין געוויסין · דען ער האט דאך גיוואוסט ביי זיך דאס ער האט דא אין הויז אן גימאכט גרויסע צרות · דאך אבער. דאש עס זאל אזו ווייט האלטין האט עס אים זיך ניט גיגלויבט · אונ האט זיך אלזוי פלעצליך אן גידרייט וויא איין גיהעצטער בער וואש דריינגט זיך אן פון





זיך זעלבסט געגין דיא געצילטע קויל פון דעם יעגער וואש ער ווארטעט אים מיט גרויש פערלאנג:

קוים האט אים דער ר׳ יודיל דער זעהען · האט ער ערגריפין זיינע גראבע טראסצענע · אונ האט אים אן גיהייבין צו קיילין דיא ביינער גאר אן אויף הערונג · „ארויש פון שטוב דוא עוכר ישראל״ האט ער צו אים גיזאגט · דוא קאסט מיר בלוט אונ גוט · דוא האסט מיר מיין קינד איבער גיפירט · האסט מיר מיין ברויט בערויבט״ נון וואר דארט אדראקע אויף טויט אונ אויף לעבין · אונ העטע זיך ניט אריין גימישט אין דעם דיא טאכטער מיט דער פרויא אונ וואלטין זייא ניט אויש איינאנדער רייסין · וואלטין זייא פאר געווים גיבליבין ביידע הרוגים · דען דער שעפקע האט אויך ניט געשוויגין ער האט אויך גיהאט אשטעקין אין האנד · דיא ביידע פרויען האבין דעם שעפקען ארויש גישטויסין פון טיר · אונ ער איז זיך אוועק אויף דער שטאנציע · אונ האט דארט גינעכטיגט · אבער ניט גישלאפין · ערסטענס וואר ער העכסט צוא קיילט · צווייטענס וואר ער זייער אויפגערעגט (אונרוהיג) אונ האט קוים דער לעבט דעם מארגין · אונ דאן האט ער אן גיהייבין נאך צו פארשטין ביי זיינע בעקאנטע וועגין דעם ר׳ יודעלס הויז אונ איז גיוואר גיווארין פון א ביז צעט „איך האב איינע דומהייט גיטאן האט ער ביי זיך גיטראכט · וואש איך בין אהין גלייך פאר פארין · עס האט גיקענט דיא זאך בעסער אפ לייפין אלם איצונד · איך פערצייהע עס אים · ער איז גירעכט געגין מיר · דען איך האב אים גינוג וויהע גיטאן ; דאך אבער איז עס צוריק ניט צו האפין · אונ איך ליבע זיינע טאכטער · אונ אזו זיא מיך אויך · נון האבע איך מיט איר מיטלייד אונ וויל זיא הייראטהען · דען זיא וועט שוין ניט גליקליך זיין פאר איינעם אנדערין · זיא איז באליידיגט אונ איר הארץ איז מיר צו גיטאן · נון מוז זיא מיינע פרויא בלייבין אונ ווען ניט מיט גוטין ווערדע איך אויש פירין מיט בייזין:

נון וועלין מיר אונז אויף א ווײלע צו ווענדין צו דעם ר׳ יודלען · דער אלטער שפריכווארט זאגט נאך דער ראכע פאלגט דיא רייע · דאש הייסט נאך דער נקמה קומט באלד דיא חרטה · אונ דיזער פאל וואר דא אויך ביי דיזעם ר׳ יודלען · קוים האט זיך אבגעקילט ביי אים זיין צארין האט ער זיך אן גיהייבין צו בעזינען דאש ער האט זיך בענאנגען דער ביי גאנץ צו היציג · אונ האט זיך דער מיט גאר קיין טובה גיטאן׳ ערשטענס וועט דער מיט דיא וועלט אויף זיין דען דער יונגאץ וועט זיך ניט שעמען אונ וועט עס אלעמען דער ציילין · אונ דאן וועט עס אליך בולט ארויש קומען · אונ דאן בלייבט מיין טאכטער ביי מיר זיצען ביז גראע האר · צווייטענס לוינט עס מיר ניט איצונד צו מיין דיעלע וואש איך האב אויף זיך · דער שעפקע וועט פאר געווים מיך ניט שוינען אונ וועט אויש פלוידערין פאר נאציילסטווע מאנכע ענינים וואש איך האב אים פאר טרויט וואש דאש וועט זיין צו מיינעם ליבען עסק וויא איל אויף הייסע קוילין · דריטענס וועט דיזע נעכטליכע שצענע האבין אגרויסין איינפלוס אויף דיא געזונדהייט פון מיינער פרויא וואש זיא איז שוין גינוג אן געגריפין פון פריהער אונ האט אלזו צו געבראכט דיזע נאכט אין אנגסט אונ אין רייע (חרטה) · אונ האט נאך דער צו גיהאט גרויס גריזאטע פון זיינער פרויא וועגין דיזער גישיכטע · אונ האט אלזו ניט גיוואוכט וואש אן צו הייבין אונ וואש אויש צו לאזין · אונ בפרט נאך מארגין אין דער פריא אלם ער האט דער וויסט זיינע פרויא שרעקליך קראנק · דאש מען האט גימוזט שיקען נאך אדאקטער וואש ער האט אים גימאכט זייער שווער זיין הארץ וועגין איר · אונ עס וואר אלזו דארט קומער איבער קומער · דאש דער ר׳ יודיל האט זיך פאר שאלטין זיין לעבין · אונ האט זיך גיוואונצין דעם טויט · דער טויט אבער איז איצונד אויך ניט גיקומען · אונ עס וואר אים אלזו איינג דיא וועלט · אונ אויך דיא שטוב · דער צו נאך האט
זיך



זיך באלד אן גיהייבין צו ווייזין אין שטוב דער דלות · דען עס איז מיט איין מאל אפ גיהאקט גיווארין דיא פרנסה · דען לבד דאקטורים אונ צירולניקעס האט מען קיין מענטשין דארט אין שטוב גיזעהען וואש מיט עמליכע טעג צוריק וואר דארט איין בערזע פאק אונ פול :

## 7.

## (דאש ענדע דער פון)

שעפקע וואש האט וויא מיר ווייסין פאר זוכט שוין אביסיל פון דעם עץ הדעת · דאש הייסט פון דיא פאר באטענע פרוכט דער פאלשע דאנאסעריא דארט אין יאנציץ · האט זיך שוין ניט אפ גיהאלטין פון קיינעם פאדלען מיטעל אום אויש צו פירין נור זיינעם וואונץ צו בעקומען דיא צארטקען פאר אווייב · ער האט גידונגען פאר זיך איין נומער אין אהאטעל פאר זיך אליין אונ פון דארט אויש האט ער אויש גיפירט זייער גישיקט אונ חיטרע זיינען בלוטיגין פלאן · ערסטינס האט ער ארײן גיבאוועט צו זיך דעם צירולניק וואש גייט צו דעם ר׳ יודילם ווייב · האט אים ביי זיך געפויעט אונ גישטאפט ביז ער איז אים גיווארין זייער גוט · אונ דורך אים פלעגט ער זיך קראכפענדירין מיט דער צארטקע וואש זיא האט אים ווירקליך נאך עד היום ליב געהאט עס איז פון זייערע ראמאנען וועקסיל בריף אנאנצע ווערק צו מאכין · נור ניט דא איז דער ארט דער פון · איך קען דא נור אין קורצין זאגין · דאש ער האט אין זיין שרייבין דער קלערט דאש איר איינציגער וועג צו איינעם גליקליכין לעבין בעשטייט נור דארין דאש זיא זאל נור אים נעמען · אונ דאש זעלבינע האט ער פון איר צום אנטווארט באקומען · אנב האט ער פון איר שריפטליך ארויש בעקומען דעם גאנצען הערגאנג פון איר אבארדירען (מפיל זיין) דאש איז ניט אויף דעם נאטירליכין וועג צו גיגאנגען · דאש זיא האט דער ביי שיר פאר פאסט

מיט דעם לעבין · אונ וועלכע אקוסערקע וואר דאבייא טהעטיג · אונ ווידער דאש דיא עלטערין וועלין זייא גיוויס שטערין אין דיזער פארטי · אונ מער וויא דאש האט ער ניט גידארפט האבין פון איר שריפטליך · דען וויא ער האט ארויס בעקומען פון איר שריפטליך · איז ער אריבער גיגאנגען צו דער קוסערקע וואש וואר אין שטאט זייער שטארק געברויכט : אונ האט גיהאט אשיינעם נאמען אין שטאט · אונ האט איר גיבעטין דאש זיא זאל גיין צו דעם ר׳ יודלען אונ זאל אים פארשלאגין דאש ער זאל אים געבין דיא טאכטער פאר אווייב · אונ אלם ער האט דער האלטין פון איר איין אטקאז · דער צו נאך מיט גראבע ווערטער · האט ער איר גיגעבין צו פאר שטיין וויא זיא ליגט אין זיינע הענט · דען ער האט שריפטליך פון דער צארטקען דאס זיא וואר די אפשרייבערין · נון איז זיא איינע קינדעם מערדערין אונ ווען זיא וועט זיך ניט לייגין אין מיטעל עס אויש צוא פירען אים דאש וועט ער איר מיט דיא עלטערין העכסט אונגליקליך מאכין :

דיזע ווערטער זיינע האבין זייער שטארק געווירקט אויף איר · זיא איז גיווארין זייער צוא שראקין אונ האט אים פאר שפראכין צו דינען אים אין דיזער זאכע וויא נור וייט מעגליך איז · זיא איז גיקומען צו דעם ר׳ יודלען אונ האט אים דער ציילט אין וועלכער געפאהר זייא אלע דרייא שוועבין באם ער וועט זיך יהסענען · אגב האט זיא אים גיגעבין צו פאר שטיין דאס דאש איז פר אים איינע זייער גלייכע זאך · דען דער שעפקע איז אגרויסער בעריע · איונגער מאן מיט אפעדער אונ מיט מוט · ער וועט איבער נעמען זיין גישעפט אויף זיין נאמען · אונ וועט עס פירין נאך בעסער אלם פריהער · דען ער איז אקענער · ער וועט אייך האלטין בכבוד · דען הויך אלע זאכין איז ער איין איידעלער מענטש · אונ בפרט נאך האט זיא גיזאגט דאש ער ליבט אייער טאכטער פון גרונד דעם הערצענם · אונ

אזו



אזו זיא אים : זעלבסט דיא תורה הייסט אזו אויך · דאש דער וואש פאר פירט איין מיידכען זאל ער איר הייראטהען באם דיא עלטערין ווילעגען עס איין · אונ איר האט דאך קיין אנדערע ברירה · ערסטענס קען ער אייך מאכין אונגליקליך · אונ מיך אויך דער צו · צווייטענס דער מאנט אייך ווען ניט וואש וועט ווערין פון אייער טאכטער · זיא וועט בלייבין בעשימפפט (מבוזה) אין דער גאנצער וועלט · אונ וועט בלייבין זיצין אפערוויסטע אויף אייביגע יאר · לייט וועלין זיך איבער ריידין · אונ נאך הער אויף הערין · דען איר זייט ניט די ערסטע׳ עס האט עס גיטראפין בייא גרעסערע לייטין · אונ דיא וועלט איז גיווארין מיט דער צייט גוט פריינד מיט זייא :

עס איז מיינע לעזערין ניט דא דער ארט צו בעשרייבין וויא עס וואר דעם פאטער אונ דיא מוטער צוא מוט אלם דיא אקוסערקע האט זייא פאר גישלאגין · עס וואר דער בייא גענוג געאכצט · גינוג גיוויינט · גינוג זיך בעראטין מים גוטע קלוגע פריינד · אונ מען האט גימוזט איין ווילעגען · אונ דער שעפקע איז געגרופין גיווארין צוריק · אין קורצין וואר חתונה · באלד נאך דעם איז שעפקע גיווארין מעתיק · נאטאריוס · אונ האט גילעבט זייער גליקליך אונ פריינדליך מיט זיינער פרויא · אויך האט ער גיהאלטין זיינע שוויגער עלטערין בכבוד גדול · דיא שוויגער אבער האט זיך צו איהרער גיזונדהייט ניט אומגיקערט צוריק · זיא האט נור דרייא יאר גיקלאוועט נאך דיזער געשיכטע · אונ דער ר׳ יודיל איז גיבליבין זיצין בייא דעם איידימס טיש אויף לאסקאווע הלעב · אונ איז אלזו אפ גישטארבין פון דער וועלט פאר זיין לעבין · אונ דער שעפקע איז גיבליבין לעבין אויך נאך זיין טויט · דען מען דער מאנט נאך אים איצונד צום גוטין · ער האט באקומען דעם נאמען ר׳ שעפטיל דען ער האט איין גיגעבין דריי ספרי תורה · אונ האט גימאכט בייא זיך אקלייזיל · אלץ אזעלכע מיטלען מיט וועלכע מען אוואנסירט זייער גיך אין אונזער שטאט איצון :

דער

דער מדרש זאגט אין דעם ספר קהלת (ו׳ י״ב) גיהנם וגן עדן ער כמה ביניהם · טפח · צווישן דעם גיהנם אונ גן עדן איז קוים איינע האנד ברייטער פלאץ מפסיק · דאש איז געמיינט עם איז זייער לייכט איבער צו גיין פון איינער (מדה טובה) וואס עם קומט דער פאר גן עדן · אין איינער (מדה רעה) וואש עם קומט דער פאר גיהנם · ווייל זייא גרענעצין זיך זייער נאהענט איינער לעבין דער אנדערע · דאש נור איינע גאנץ שמאלע ליניע איז צווישין זייא ביידין · אזו למשל גרענעצט זיך דיא שטריינגע גערעכטיקייט מיט אכזריות · גלויבין מיט אבערגלויבין · דיא אקאנאמיע מיט גייציקייט · דיא פאלשע בושה מיט דער גאוה · וויא דער פאל וואר אין אונזער געשיכטע · דאש דיא איבער מעסיגע בושה פון איינער פערפיהרטעם מיידכען ווערט זייער לייכט פערוואנדעלט אין אגאוה · וואש דאש איז איינע פון דיא גרעסטע (מדות רעות) דאש דאש בריינגט חלילה צו איינעם זעלבסט מארד אדער גלאט צו שפיכות דמים · דיזער פאל איז אויך ביא צדקה · זיא גייט באלד איבער אין כבוד המדומה דאש מיר טוען צדקה מיט אפרעמדין ווערענד בשעת מיר האבין איין אייגענעם · דאש הייסט איינען ארעמען קרוב · מיר זייען מפרנס ארעמע לייט פון אפרעמדע שטאט · אונ קוקין ניט אויף אונזערע בני עיר · אונ אונזער גמרא זאגט דאש דיא ארעמע לייט פון איינער אייגענע שטאט זייען בילכער אלס דיא ארעמע לייט אויש איינער אנדערין שטאט · אונ אזו איז דער פון צו לערנען נאך כמה וכמה ענינים · וואש עם איז ניט דא גינוג פלאץ אלס אויש צו רעכענען · עם קען זיך דא לייכט יעדערער גיפינען · מען ברויכט עם נור צוא לעזין מיט איינעם זינן · דאן ווערט מען דא גינוג גיפינען · אונ אויך ניט איין מאל · נור אייניגע מאל דען יעדעם ווארט פאר נעמט דא אגרויסין ארט :

# רויזע פינקעל

# דיא בעל אכסניעטע

אדער

## דיא אונאטירליכע טאכטער

מאת אמ״ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ד לפ״ק

**РОЗА-ФИНКЕЛЬ ДИ БААЛЬ-АХСАНЬЕТЕ.**

т. е.

Содержательница Гостиницы.

Повѣсть объ одной крутой дочери.

Сочиненіе А. М. Дика.

**ВИЛЬНА.**

Въ типографіи вдовы и братьевъ Роммъ.

На Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ

подъ №№ 327. и 328.

1874.